ק. צעטניק / תּל־אָבֿיבֿ

# מלך שטײַער

זינט מלך שטײַער איז געגאַנגען צום פֿײַער
האָט זיך אָפּגעטאָן די שכינה פֿון ליד.
געשלאָסן די קלייטן אויפֿן יריד. ס׳גייט פֿאַרבײַ אַ לוויה.
ס׳איז יאַנטעוו, רחמנא ליצלן,
דעם רבינס ווײַב איז נפֿטר געוואָרן
מ׳גייט ניט הײַנט אין חדר.
ס׳רעגנט איבער דאָרשטיקער ערד מיט קאָנפֿעטי און מיט אָפּפֿאַל ראַדיאַ־אַקטיוון.
גאָט באָרכהו האָט צעבראָכן דעם צלם,
ס׳וועט ראָדען נישט מער גיסן דעם באַשעפֿערס הענט.
נישטאָ די מאַמע.
נישטאָ די פֿאָרעם.

ווען מלך שטײַער איז אַ נאַקעטער געגאַנגען צום פֿײַער,
איז כּבֿיכול געבליבן שולדיק אַ חובֿ.
העי, גייער! אויף דײַן וועג פֿון מיעליץ ביז וואַרשע
פֿאַרנייי דעם ריסלאַך אויפֿן הימל, אויב דו קאָנסט איצט זײַן אַ פֿאַרנייער.
מלך שטײַער האָט בטעות אַ הייב געטאָן די האַנט צו די תּמיד אַראָפּגערוקטע ברילן,
(זיי זענען שוין געלעגן אויף דער קופּע נעבן קרעמאַטאָריע.)
ווי אַ קינד געקוקט צום הימל —
ווי אַ קינד! ווי אַ קינד! באמנות, ווי אַ קינד!
נאָר איך, אַ דערוואַקסענער, ווייס —
זײַנע אויגן, די געהויבענע, צום כ׳בין נישט ווערט צו מעלדן.
כ׳בין נישט ווערט צו מעלדן? כ׳בין אָבער ווערט צו מאָנען
מײַן ליד,
וואָס איז אַוועק אין פֿײַער צוזאַם מיט מלך שטײַער.